# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים** (NYC)
הדלקת הנרות.................8:54
מוצאי יו"ט.......................9:26

**שיעורים כסדרן** (א דשבועות)
נ"ך...................דברי הימים-ב י'
בבלי...........................חולין כ"ג
ירושלמי...........בבא קמא כ"א
תוספתא...................יבמות ה'
רמב"ם........................שבת ב'


יום טוב שבועות, שנת תשפ"ו לפ"ק
שנה 15, גליון 32 (751)


## כַּמָּה יוֹסֵף אִיכָּא בְּשׁוּקָא

חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (פְּסָחִים ס"ח:) רַב יוֹסֵף הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל אִים צוּגְרֵייטְן גוּטֶע עֶסְן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וַוייל "אִי לַאו הַאי יוֹמָא דְּקָא גָרֵים, כַּמָּה יוֹסֵף אִיכָּא בְּשׁוּקָא - וֶוען נִישְׁט דֶעם טָאג, וְויפִיל יוֹסֵפְ'ס זֶענֶען דָא אוֹיפְ'ן גַאס", בְּפַּשְׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז רַב יוֹסֵף הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, וַוייל אָן דִי תּוֹרָה וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען מֶער פוּן אַלֶע יוֹסֵפְ'ס אוֹיפְ'ן גַאס, אָבֶער יֶעצְט מִיט דִי תּוֹרָה הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.

מֶען קֶען אוֹיךְ זָאגְן נָאךְ אַ פְּשַׁט, "יוֹסֵף" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי קְדוּשָּׁה פוּן יוֹסֵף הַצַּדִיק, וָואס אִיז דֶער סִימְבָּאל פוּן אָפְּגֶעהִיטֶענְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט, וִוי אַזוֹי הָאט זִיךְ יוֹסֵף הַצַּדִיק גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן נָאכְדֶעם וָואס זַיינֶע בְּרִידֶער הָאבְּן אִים פַארְקוֹיפְט צוּ דֶעם טָמֵא'נֶעם לַאנְד מִצְרַיִם? נָאר וַוייל עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיין טַאטֶע צוּ זַיין צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן דָאס הָאט אִים אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דָאס אִיז גֶעוֶוען יוֹסֵף הַצַּדִיק, אָבֶער וָואס זָאלְן מִיר פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן טוּהן, וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען מִיר דַארְפְן אַרוֹיסְגֵיין אוֹיף דִי טָמֵא'נֶע גַאס? וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן דִי הַיינְטִיגֶע שְׁוֶוערֶע גַאס?

דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, קֶענֶען מִיר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶע נִסְיוֹנוֹת, וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, בְּלֶעטֶער גְּמָרָא, צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּסוּקִים חוּמָשׁ אוּן קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, דָאס וֶועט אִים רַאטֶעוֶועוֶען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, דָאס וֶועט אִים הֶעלְפְן זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּנֶעם נֶעץ פוּן יֵצֶר הָרַע.

דָאס אִיז פְּשַׁט "וֶוען נִישְׁט דֶעם טָאג, וְויפִיל יוֹסֵפְ'ס זֶענֶען דָא אוֹיפְ'ן גַאס", וֶוען נִישְׁט דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וֶוען מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה, וְויפִיל יוֹסֵף הַצַּדִיק'ס זֶענֶען דֶען דָא אוֹיפְ'ן גַאס? וְויפִיל אִידְן קֶענֶען זִיךְ דֶען דֶערְהַאלְטְן אַזוֹי וִוי יוֹסֵף הַצַּדִיק, אוּן נִישְׁט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן דִי גַאס?

אָבֶער יֶעצְט אַז מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה, אוּן מֶען קֶען זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אוּן תְּהִלִים אוֹיךְ וֶוען מֶען אִיז אוֹיף דִי גַאס, דוּרְךְ דֶעם קֶען זִיךְ יֶעדֶער בּוֹיעֶן אַ מוֹיעֶר אַרוּם זִיךְ, מִיט דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, וָואס זֵיי הִיטְן אִים זִיכֶער אָפּ פוּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטְס. וֶוען אַ אִיד הַאלְט שְׁטֶענְדִיג אִין טַאשׁ אַ קְלֵיינֶע חוּמָשׁ, אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת, אַ קְלֵיינֶע תְּהִלִים, אָדֶער אַן אַנְדֶער סֵפֶר, הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג מִיט זִיךְ אַ גוּטֶע בַּאגְלֵייטֶער וָואס וֶועט אִים אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וֶוען מֶען הָאט עֶטְלִיכֶע אִיבְּרִיגֶע מִינוּטְן, כַּאפְּט מֶען אַרַיין צוּ זָאגְן עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ, אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִים, אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אוּן דָאס גְלַייכְן. (קוּנְטְרֵס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵינוּ

יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, 'זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵינוּ', מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנְדָאסְנֵיי - זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְּרֵייעֶן, וַוייל דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט נָאר בִּזְכוּת וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה מז, ד), וָואלְטְן דִי אִידְן נִישְׁט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה - וָואלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אוֹיס וֶועלְט; קוּמְט אוֹיס אַז הַיינְט יוֹם

<<<<<<

## א גוט ווארט

יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, 'זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵינוּ', מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין נָאכְאַמָאל צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זָאלְסְטוּ זִיךְ פָארְנֶעמֶען מֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ט, ט), וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין מִדְבָּר אִיז אַלְץ גֶעוֶוען מַחְלוֹקֶת, אוּן וֶוען מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּם בַּארְג סִינַי - דָארְט הָאבְּן אַלֶע אִידְן שָׁלוֹם גֶעמַאכְט, מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקְרִיגְט, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "הֲרֵי שָׁעָה שֶׁאֲנִי נוֹתֵן תּוֹרָה לְבָנַי", יֶעצְט אִיז דִי צַייט צוּ גֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה נָאר דוּרְךְ לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַחְדוּת.

אַז דוּ וֶועסְט קוּקְן מִיט רַחֲמָנוּת אוֹיף אַנְדֶערֶע - וֶועט אַוֶועק פַאלְן דִי פַיינְטְשַׁאפְט, דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם; בִּפְרַט אִין שְׁטוּב, דָארְט דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פַארְלֵייגְן אוּן טוּן אַלֶעס אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם; מִיט דִי עֶלְטֶערְן אוּן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן מִיט דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער. זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, זוּךְ צוּ מַאכְן שָׁלוֹם - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (פְּסִיקְתָּא דְּרַב כַּהֲנָא יב, יד), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ שָׁלוֹם", פַארְוָועס גֶעבּ אִיךְ אִיר? פַאר דִי וָואס זֶענֶען בְּשָׁלוֹם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, יז): "וְכָל נְתִיבוֹתֶיהָ שָׁלוֹם".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא-א תשפ"ו)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# בַּאוואַסֶערְן בֵּיימֶער אוּן בְּלוּמֶען

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ב' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַארְן מִיר הֶעלְפְן מִיטְן הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת, עֶס לוֹינְט זִיךְ דִי פְּלָאג אוּן מִי צוּ בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת; נָאר דָאס בְּלַייבְּט, נָאר דָאס וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אוֹיךְ דוּ וָואס דוּ בִּיסְט פַארְיָאגְט סַיי מִיטְן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, אוּן סַיי מִיט דַיין פְּרִיוַואטֶע בִּיזְנֶעס - זָאלְסְטוּ אוֹיךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ עֶס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין אַ טָאג אָן לֶערְנֶען תּוֹרָה, לֶערְן זִיךְ פוּן דִי בֵּיימֶער אוּן בְּלוּמֶען, זֵיי קֶענֶען נָאר וַואקְסְן אַז מֶען בַּאוַואסֶערְט זֵיי, אוּן דָאס אִיז דֶער טַעַם פַארְוָואס יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִיז דֶער מִנְהָג אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין שׁוּל אוּן אִין שְׁטוּב בֵּיימֶער אוּן בְּלוּמֶען, אַ זֵכֶר פַאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה; אוֹיךְ אִיז דָאס אַז מִיר זָאלְן זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דִי בֵּיימֶער אוּן בְּלוּמֶען, וָואס זֵיי קֶענֶען נִישְׁט וַואקְסְן, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט לֶעבְּן - אָן קַיין וַואסֶער; אוֹיבּ דִי בֵּיימֶער אוּן בְּלוּמֶען הָאבְּן נִישְׁט קַיין וַואסֶער - שְׁטַארְבְּן זֵיי, אוּן אַזוֹי אִיז מִיט אַ מֶענְטְשׁ, "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה" (דְּבָרִים כ, יט), דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ בּוֹים; אַזוֹי וִוי בֵּיימֶער דַארְפְן וַואסֶער - דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ לֶערְנֶען תּוֹרָה וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וַואסֶער (בָּבָא קַמָּא פב.), אָן תּוֹרָה קֶען דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט אָנְגֵיין, מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְּן.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן זָאלְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג. זַיי זִיךְ מְקַבֵּל עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אַ טָאג אָן תּוֹרָה, נָאר אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת סא:), אַמָאל הָאט אַ פוּקְס שְׁפַּאצִירְט בַּיים וַואסֶער אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי אַ גַאנְצֶע מַחֲנֶה פִישׁ לוֹיפְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן פְּלַאץ, הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "אֶפְשָׁר ווילְן עֶנְק אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן וַואסֶער אוּן מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם?" הָאבְּן דִי פִישׁ גֶעלַאכְט פוּן אִים, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "דוּ בִּיסְט דֶער פוּקְס וָואס אַלֶע זָאגְן דוּ בִּיסְט אַ קְלוּגֶע חַיָּה? מַה דָאךְ אִין וַואסֶער וָואס אִיז אוּנְזֶער פְּלַאץ צוּ לֶעבְּן זֶענֶען מִיר שְׁטֶענְדִיג בַּאזָארְגְט אַז מֶען זָאל אוּנְז נִישְׁט פַאנְגֶען, אִיז וִוי קֶענֶען מִיר אַרוֹיסְגֵיין צוּ דִי טְרִיקֶענִישׁ? דָארְט וֶועלְן מִיר אַוַודַאי נִישְׁט קֶענֶען לֶעבְּן!" אַזוֹי הָאט רַבִּי עֲקִיבָא גֶעזָאגְט פַאר פַּפּוּס וֶוען עֶר הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס עֶר מַאכְט יְשִׁיבוֹת וֶוען דִי רוֹמִיִּים הָאבְּן נִישְׁט גֶעלָאזְט, אוּן אַז מֶען וֶועט נִישְׁט פָאלְגְן דִי רוֹמִיִּים וֶועט עֶס זַיין אַ סַכָּנָה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי מַעֲשֶׂה מִיטְן פוּקְס, אַז אַ אִיד אָן תּוֹרָה קֶען נִישְׁט זַיין, אוּן נָאר אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה קֶען מֶען לֶעבְּן.

עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זַיי מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה פוּנְדָאסְנֵיי, מַאךְ זִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע קַבָּלָה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, אוּן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אוּן אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה, מִיט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה - וֶועט מֶען בַּיים סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ תְּבוּנוֹת הַתּוֹרָה, מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן יא); קוּק אַרַיין אִין סֵפֶר רַחֲמֵי הָאָב (אוֹת לִימּוּד): **"עוֹד זֹאת אוֹמֵר לִי לִבִּי"**, מַיין הַארְץ זָאגְט מִיר, **"עֵצָה טוֹבָה"**, אַ גוּטֶע עֵצָה פַאר דִי וָואס זֶענֶען פַארְיָאגְט צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אוּן פַאר דִי וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, **"שֶׁיִּלְמוֹד בְּכָל יוֹם דַּף גְּמָרָא וּפֶּרֶק מִשְׁנַיּוֹת בַּאֲמִירָה בְּעָלְמָא"**, זֵיי זָאלְן יֶעדְן טָאג זָאגְן אַ בְּלַאט גְמָרָא אוּן אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיּוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין; עֶר דֶערְצֵיילְט: אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַ שׁוּסְטֶער וָואס הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען קַיין לֶערְנֶען, אוּן עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא, עֶר הָאט יֶעדֶע יָאר גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ"ס, "וְהָיָה צֶלֶם אֱלֹקִים עַל פָּנָיו כְּאַחַד הַגְּדוֹלִים", עֶר הָאט גֶעהַאט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, עֶס הָאט אִים גֶעשַׁיינְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא-א תשפ"ו)

---

**סֵפֶר הַמִּדּוֹת** תְּשׁוּבָה לב. עַל יְדֵי אֲנָחָה שֶׁנֶּאֱנַח, נַעֲשָׂה בְּרִיָּה חֲדָשָׁה.

וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט אַ קְרֶעכְץ, וֶוערְט עֶר וִוי אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ.

---

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

טוֹב שָׁבוּעוֹת, 'זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵינוּ' - אִיז זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶע צַייט, אַז מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה אוּן מִיר הַאלְטְן דִי תּוֹרָה, מִיר זֶענֶען מְחַיֶּה דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, יֶעצְט אִינֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, 'זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵינוּ' - זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, פְרֵיי זִיךְ מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי', אַ גּוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, אִיךְ בִּין אַ אִיד. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מֶדְרָשׁ פְּלִיאָה), גְלַייךְ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי עֶרְשְׁטֶע דִיבּוּר: "אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ" - הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ שׁוֹין אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי"; וַוייל דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, אַז מִיר זֶענֶען אוֹיסְדֶערְוֶועלְט, מִיר זֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס קִינְדֶער; פוּן דִי שִׂמְחָה קֶען מֶען נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, וַוייל אֲפִילוּ מֶען זֶעט זִיךְ זֵייעֶר וַוייט, מֶען זֶעט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפַאלְן, מֶען לֶערְנְט נִישְׁט, מֶען דַאוֶוענְט נִישְׁט, מֶען זֶעט נָאר שְׁלֶעכְטְס אִין זִיךְ, מֶען הָאט נִישְׁט מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ - קֶען מֶען נָאכְאַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם אַז מֶען אִיז נִישְׁט קַיין גּוֹי, אוּן דָאס אִיז נָאךְ אַ טַעַם פַארְוָואס מִיר מַאכְן דִי בְּרָכָה יֶעדְן טָאג אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין גּוֹי, לִכְאוֹרָה וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען רִיכְטִיג צוּ זָאגְן אַ בְּרָכָה: "שֶׁעָשַׂנִי יִשְׂרָאֵל", אַז מִיר זֶענֶען אִידְן, פַארְוָואס מַאכְט מֶען אַ פַארְקֶערְטֶע בְּרָכָה, אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין גּוֹי? נָאר דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט אַלֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ צֶעקְלַאפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים אוֹיפְוַוייזְן אַז עֶר אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן פוּן אִים וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין; וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת הַדַעַת נִישְׁט צוּ מַאכְן דִי בְּרָכָה 'שֶׁעָשַׂנִי יִשְׂרָאֵל', עֶר וָואלְט זִיךְ גֶעקְלַאפְּט: בִּין אִיךְ דֶען אַ אִיד? אַזוֹי פִירְט זִיךְ אוֹיף אַ אִיד? קֶען אִיךְ דֶען מַאכְן דִי בְּרָכָה בְּשֵׁם וּמַלְכוּת – 'שֶׁעָשַׂנִי יִשְׂרָאֵל'? אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף צוּ זַיין; דֶערְפַאר מַאכְן מִיר דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי' אַז אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז גוּט צֶעבְּרָאכְן אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ פַאר אַ גָארְנִישְׁט - קֶען אוֹיךְ אוֹיסְשְׁרֵייעֶן: 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי', וָואס זָאל נָאר זַיין, אַ גּוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, אִיךְ בִּין בַּאשַׁאפְן מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל'; עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי', אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

(קוּנְטְרֵס מַתַּן תּוֹרָתֵינוּ)

# לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רמט)

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען, וִוי אַ גַאסְט קוּמְט אַרַיין צוּ אַ בַּעַל הַבַּיִת אוּן הוֹיבְּט אָן רֶעדְן מִיט אִים בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ וַוארֶעמֶע שְׁמוּעֶס פוּן עֲבוֹדַת ה', דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ גְלֵייבְּן אוּן מְכַבֵּד זַיין דֶעם גַאסְט, עֶר הָאט אָבֶּער אַבִּיסְל מוֹרָא גֶעהַאט פוּן אִים, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט בִּיז וואוּ עֶר זָאל אִים אַרוֹיסְבַּאגְלֵייטְן, הָאט דֶער גַאסְט גֶעזָאגְט, "בִּיז נָאכְ'ן טִיר".

דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט זִיךְ אָבֶּער אָנְגֶעהוֹיבְּן זָארְגְן, 'וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרוֹיסְגֵיין מִיט אִים? יֶעצְט בִּין אִיךְ מִיט אִים צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, אוֹיב אָבֶּער גֵיי אִיךְ אַרוֹיס מִיט אִים אַלֵיין, וֶוער וַוייסְט וֶוער עֶר אִיז?', הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים, "אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַרוֹיסְצוּגֵיין מִיט אַייךְ", הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אוֹיבּ קֶען אִיךְ דָאס בַּאוַוייזְן, צוּ לֶערְנֶען מִיט דִיר, אִיז אוֹיבּ ווִיל אִיךְ דִיר יֶעצְט דָא עֶפֶּעס טוּן, וֶוער וֶועט מִיר דֶען קֶענֶען שְׁטֶערְן?", אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרוֹיס מִיט אִים פוּן טִיר, אוּן אִין דִי סֶעקוּנְדֶע וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִינְדְרוֹיסְן הָאט עֶר אִים אַ כַאפּ גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פְלִיעֶן מִיט אִים.

עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען קַאלְט, הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ קְלֵייד אוּן אִים גֶעגֶעבְּן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט, "נֶעם דֶעם מַלְבּוּשׁ אוּן עֶס וֶועט דִיר גוּט וֶוערְן, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אוּן אַלֶעס גוּטְס, אוּן דוּ וֶועסְט זִיצְן אִין דַיין הוֹיז", אוּן אַזוֹי פְלִיעֶט עֶר וַוייטֶער מִיט אִים, אָבֶּער אִינְצְוִוישְׁן גֶעבְּט עֶר אַ קוּק אוּן עֶר זֶעט אַז עֶר אִיז אִינְדֶערְהֵיים, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן אַז עֶר אִיז טַאקֶע אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶּער וֶוען עֶר קוּקְט וַוייטֶער זֶעט עֶר וִוי עֶר פְלִיעֶט וַוייטֶער אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר, אוּן עֶר גֶעבְּט ווִידֶער אַ קוּק אוּן עֶר זֶעט אַז עֶר אִיז יָא אִינְדֶערְהֵיים, אוּן עֶר קוּקְט נָאכְאַמָאל אוּן עֶר זֶעט אַז עֶר פְלִיעֶט, אוּן אַזוֹי אִיז עֶס אָנְגֶעגַאנְגֶען פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט.

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אִים אַרָאפְּגֶעלָאזְט אִין אַ טָאל צְוִוישְׁן צְוֵויי בֶּערְג, אוּן עֶר הָאט דָארְט גֶעטְרָאפְן אַ סֵפֶר, אוּן דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען צֵרוּפֵי אוֹתִיּוֹת, "אז"ח איז ד'" וְכוּ', אִינֶעם סֵפֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמָאלְן כֵּלִים, אוּן אִין דִי כֵּלִים אִיז גֶעוֶוען אוֹתִיּוֹת, אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אִין דִי כֵּלִים דִי אוֹתִיּוֹת פוּן דִי כֵּלִים, דָאס הֵייסְט אַז מִיט דִי אוֹתִיּוֹת קֶען מֶען מַאכְן דִי כֵּלִים, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר.

דֶערְוַוייל גֶעבְּט עֶר קוּק אוּן עֶר זֶעט אַז עֶר אִיז אִינְדֶערְהֵיים, אוּן עֶר קוּקְט ווִידֶער אוּן עֶר זֶעט ווִי עֶר אִיז דָארְט. הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר גֵייט אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְ'ן בַּארְג, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר דָארְט טְרֶעפְן עֶפֶּעס אַ יִשּׁוּב. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיפְ'ן בַּארְג הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי עֶס שְׁטֵייט דָארְט אַ גָאלְדֶענֶעם בּוֹים, מִיט גָאלְדֶענֶע צְוַוייגְן, אוּן אוֹיף דִי צְוַוייגְן הֶענְגֶען כֵּלִים, דִי זֶעלְבֶּע סָארְט כֵּלִים וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען אִינֶעם סֵפֶר, אוּן אִין דִי כֵּלִים זֶענֶען גֶעלִיגְן כֵּלִים וָואס מִיט זֵיי מַאכְט מֶען דִי כֵּלִים. עֶר הָאט גֶעוָואלְט נֶעמֶען פוּן דִי כֵּלִים, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט, וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין דִי צְוַוייגְן פוּנֶעם בּוֹים, וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁטַארְק פַארְדְרֵייְדְט.

אִינְצְוִוישְׁן גֶעבְּט עֶר אַ קוּק אוּן עֶר זֶעט ווִידֶער ווִי עֶר אִיז אִינְדֶערְהֵיים, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט ווִי אַזוֹי דָאס קֶען זַיין, אַז אֵיינְמָאל דָא אִיז עֶר אוּן אֵיינְמָאל אִיז עֶר דָארְט, עֶר הָאט דָאס גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן פַאר מֶענְטְשְׁן, ווִי אַזוֹי קֶען אָבֶּער דֶערְצֵיילְן פַאר מֶענְטְשְׁן אַזַא מָאדְנֶע זַאךְ וָואס גְלוֹיבְּט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט.

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן, אָן זִיךְ בַּאקְלָאגְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אֵייבִּיג פוּן זִיךְ אַלֶעס אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַנְשְׁטָאט רֶעדְן צוּ אַ טֶערָאפִּיסְט, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָבֶּער דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן מַיינֶע יִסוּרִים אוּן וֵוייטָאג אָן דֶעם וָואס עֶס זָאל זַיין אַז אִיךְ הָאבּ חָלִילָה קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז אוֹיבּ מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּאקוּמְט מֶען נָאךְ אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען; אוּן פַארְקֶערְט וֶוען מֶען קְלָאגְט, בַּאקוּמְט מֶען נָאךְ שְׁלֶעכְטְס. אִיז ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען אוּן אוֹיסְקְלָאגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס טוּט וֵויי אוּן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוּן תַּרְעוּמוֹת –זֶענֶען צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע זַאכְן; הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס טָאר מֶען נִישְׁט, אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע וֵוייטָאג - דָאס אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ מִיר זָאלְן קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס דְרָכִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן נב), דָאס וָואס עֶס אִיז דָא קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹי דַארְף צוּ זַיין, "וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ", אוּן דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אוֹיבּ מִיר וָואלְטְן אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען וָואלְט דָאךְ גֶעוֶוען זַיין שֵׂכֶל אַזוֹי ווִי אוּנְזֶער שֵׂכֶל - חַס וְשָׁלוֹם; קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן אִים נִישְׁט, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען וֶועט יֶעצְט גֶעבְּן מֶער שְׁלֶעכְטְס; דָאס אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, וֶוען מֶען רֶעדְט זִיךְ אָפּ - דֶעמָאלְט קֶען מֶען בְּרֶענְגֶען דִינִים אוֹיף זִיךְ, אוֹיף דֶעם זָאגְט מוֹהֲרַנַ"ת אַז וֶוען מֶען רֶעדְט זִיךְ אָפּ זָאגְט מֶען אִין הִימְל אַז מֶען וֶועט אִים מַאכְן עֶר זָאל הָאבְּן נָאךְ מֶער אוֹיף וָואס זִיךְ אָפּ צוּ רֶעדְן, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאגְט מֶען אִין הִימְל אַז מֶען וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען מֶער גוּטְס, עֶר זָאל הָאבְּן אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען; אָפְּרֶעדְן אוּן אוֹיסְרֶעדְן –זֶענֶען צְוֵויי זַאכְן, אָפְּרֶעדְן אִיז עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, דָאס אִיז דִי סִטְרָא אַחְרָא, אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ - דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה; מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן, מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, מֶען זָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס אִיז פַאר מַיין טוֹבָה, אִיךְ וֵוייס אַז דוּ מַאכְסְט נָאר גוּטְס, דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל עֶס קֶענֶען דֶערְהֵייבְּן אוּן פַארְנֶעמֶען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ אוּן אַלֶעס אִיז נָאר פַאר מַיין גוּטְס" וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא-א תשפ"ו)

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

פְּלוּצְלִינְג קוּקְט עֶר אַרוֹיס פוּן פֶּענְסְטֶער אוּן עֶר זֶעט דָארְט דֶעם גַאסְט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן בַּיי אִים אַז עֶר זָאל קוּמֶען צוּ אִים, הָאט דֶער גַאסְט אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט יֶעצְט, וַוייל אִיךְ גֵיי יֶעצְט צוּ דִיר", הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט, "דָאס אַלֵיין וואוּנְדֶער אִיךְ זִיךְ, אִיךְ בִּין דָאךְ דָא, וָואס הֵייסְט אַז דוּ גֵייסְט יֶעצְט צוּ מִיר?", הָאט דֶער גַאסְט גֶעעֶנְטְפֶערְט, "וִוי נָאר דוּ הָאסְט מַסְכִּים גֶעוֶוען מִיר צוּ בַּאגְלֵייטְן פוּנֶעם טִיר, הָאבּ אִיךְ דֶעמָאלְט גֶענוּמֶען דַיין נְשָׁמָה אוּן עֶס גֶעגֶעבְּן אַ קְלֵייד פוּן גַן עֵדֶן הַתַּחְתּוֹן, אָבֶּער דַיין נֶפֶשׁ אוּן רוּחַ אִיז גֶעבְּלִיבְּן בַּיי דִיר, אוּן דֶערִיבֶּער וֶוען דַיין מַחְשָׁבָה אִיז דָארְט, בִּיסְטוּ דָארְט, אוּן דוּ בִּיסְט מַמְשִׁיךְ אַן הֶאָרָה פוּן מִיר צוּ דִיר, אוּן וֶוען דוּ קוּמְסְט צוּרִיק דָא, בִּיסְטוּ דָא.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פוּן וֶועלְכֶע עוֹלָם עֶר אִיז, אָבֶּער זִיכֶער אִיז עֶר פוּן אַ גוּטֶע וֶועלְט. אוּן דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# שיינעם שבת דרך ארץ מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין וויליאמסבורג

נאך א שטיק צייט וואס דער ראש ישיבה שליט"א איז געווען אפוועזנד פון וויליאמסבורג אויף שבת קודש, האבן די וויליאמסבורגע אידן די פארגאנגענע וואך זוכה געווען אז דער ראש ישיבה שליט"א איז געווען ביי זיי אויף שבת במדבר, שבת דרך ארץ, וואס איז געווען גאר געשמאק.

אינדערפרי פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א געלערנט זוהר חדש מיט אנשי שלומינו פאר א לענגערע צייט, און דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א ארומגעשמועסט איבער דורכלערנען ש"ס, אז יעדער קען זוכה זיין צו מסיים זיין ש"ס, נישט נאר איין מאל נאר אסאך מאל. דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעפרעגט דעם עולם וואו זיי האלטן אין ש"ס, וויפיל מאל זיי האבן שוין געענדיגט ש"ס, מען קען זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג זיבן בלאט גמרא, וואס נעמט נישט צו לאנג, און אזוי זוכה זיין צו ענדיגן ש"ס אין איין יאר, אדער קען מען זיך מאכן א שיעור אין ש"ס, גיין אן עמוד נאך אן עמוד, א בלאט נאך א בלאט, ביז מען איז זוכה צו ענדיגן גאנץ ש"ס.

דער ראש ישיבה שליט"א איז צוגעגאנגען צו שחרית וואס האט ער האט געדאווענט פאר'ן עמוד מיט גרויס געשמאק, דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געליינט קריאת התורה מיט א שטארקע ברען, און דאן געבענטשט ראש חודש אויף א געהויבענעם פארנעם.

וואס זענען די גוטע מאכלים וואס דער צדיק געבט אונז? האט דער ראש ישיבה שליט"א שטארק ארומגערעדט אז מען זאל קוקן גוט אויף יעדן איינעם, אויף די ווייב אדער מאן, אויף די קינדער, אויף די עלטערן, און אויף יעדן איינעם, יעדע זאך קען מען זאגן אז עס שטינקט, אז עס איז נישט גוט, אבער דער קונץ איז יא צו קוקן גוט אויף יעדן, טרעפן דאס גוטס אין יעדן, און דאס וועט מאכן אז יענער זאל טאקע ווערן בעסער. און די זעלבע איז אויך אויף זיך אליין, די נאטור פונעם מענטש איז אז ער וויל אז אלעס זאל זיין הונדערט פראצענט גוט, און ביז דעמאלט וועט ער אלעס זען שלעכט, דאס איז אבער נישט ריכטיג, מען דארף קוקן נאר אויף די גוטע זאכן, ווען מען שמעקט די גוטע מאכלים פון הייליגן רבי'ן, הויבט אלעס אן שמעקן זייער גוט, אבער ווען מען דרייט זיך אוועק פון די גוטע עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן, דעמאלט הויבט מען אן שפירן ווי אלעס און יעדער איז נישט גוט, עס שמעקט זייער נישט גוט.

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה שליט"א געלערנט א שטיקל אין חיי מוהר"ן, וואס רבי נתן דערציילט דארט אז אינעם לעצטן ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן איז אריינגעקומען צו אים זיין אייניקל ישראל, וואס איז געווען א דריי פיר יאר אלט, דער רבי איז שוין געווען נאנט צו זיין הסתלקות, ער איז געווען זייער קראנק און שוואך, און ער האט געבעטן דעם אייניקל אז ער זאל בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל ווערן געזונט, האט דער קליינער אייניקל געזאגט אז אויב דער רבי וועט אים געבן זיין זייגערל וועט ער מתפלל זיין, דער רבי האט אים געגעבן דעם זייגערל און דאס קינד האט זיך אנגערופן, "גאט, גאט, לאז מיין זיידע זיין געזונט", דער עולם האט ארום האט אנגעהויבן לאכן, 'פארדעם האסטו געבעטן דעם זייגערל? בלויז צו זאגן די ווערטער, הייסט דאס דען מתפלל געווען פאר'ן זיידן?', אבער דער רבי האט זיך אנגערופן, "אט אזוי דארף מען בעטן דעם אייבערשטן, ווי אזוי קען מען דען מתפלל זיין אויף אן אנדערן וועג?", דאס הייסט אז דער עיקר תפלה דארף זיין בתמימות ופשיטות, בעטן דעם אייבערשטן וואס מען דארף אויף די אייגענע שפראך.

דער ראש ישיבה שליט"א האט ארומגערעדט איבער דעם, אז דאס איז די בעסטע עצה און די בעסטע סגולה אויף יעדע זאך, פשוט צו בעטן דעם אייבערשטן אויפ'ן אייגענעם שפראך, אזוי ווי א קינד בעט זיין טאטע, און מיט דעם קען מען זיך איינקויפן אלעס גוטס. ספעציעל אז עס קומט דער יום טוב שבועות, א גרויסער עת רצון, קען מען זיך אויסבעטן ביים אייבערשטן אלעס גוטס, בלויז מיט'ן עפענען דאס מויל און רעדן אפאר ווערטער צום אייבערשטן.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **ישראל מנחם ראזענבערג** הי"ו בארא פארק
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יחזקאל שארף** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **דוב ווייצהענדלער** הי"ו צפת
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **שמחה בלאק** הי"ו לאנדאן
גבאי ביהמ"ד היכל הקודש לאנדאן
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **יעקב ראזניי** הי"ו ירושלים עיה"ק
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **שלום יוסף יאקאבאוויטש** הי"ו קרית ברסלב
**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון**
הבחור **אליעזר שלמה יאקאבאוויטש** הי"ו

***

מו"ה **אייזיק ראטה** הי"ו קרית ברסלב
**צו די אפשערן פון זיין זון יחזקאל נ"י למזל טוב**

***

מו"ה **שלמה מינצבערג** הי"ו בית שמש
**צו די אפשערן פון זיין זון שמעון נ"י למזל טוב**

***

מו"ה **יהודה מינצבערג** הי"ו בית שמש
**צו די אפשערן פון זיין זון נחמן נ"י למזל טוב**

***

מו"ה **יעקב חיים דייטש** הי"ו וויליאמסבורג
**צו די שמחת החתונה פון זיין זון**
החתן **יוסף דייטש** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **יואל פעדער** הי"ו וויליאמסבורג


## פרייליך מיט גארנישט

ווי אזוי קען איך זיין פרייליך, ווען איך שפיר אז איך האב ממש גארנישט, איך בין גארנישט ווערד? ווי אזוי האלט איך זיך פרייליך אייביג?

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 12, 2, 16**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**